# אַ יאָר.

אַזוי לעבט זיך עס אַ טאָג אַ נאַכט.
אַזוי ברענט עס, ברענט עס העל און טונקל.
אַ יאָר אַ יאָר! — אַ קליינע לאָמפּ
אין דער גרויסער אייביקייַט.
קומען ווינטען אָן צו לויפֿן,
שרייַען, שרייַען — און פֿאַרצווייפֿלט
שלאָגן זיי די קעפּ אָן ביימער:
עס האָט דעם גרויסן גאָט דערעסן:
גענוג געצאַנקט... אַצינד פֿאַרלעשן.
ווערט אין אַלע וועלטן פֿינצטער.
אויף דער יבשה שטייט אַ מענטש
וויינט, וויינט, ווי אַ קינד בייַנאַכט.
אין וואַסער שרעקן זיך די פֿיש.

---

וואַרשע (1920)

[הייַנט; פֿאָרמעלער נאָמען:] דער טאָג (וואַרשע 1
2, נומ׳ 78, סעפּטעמבער 12, 1920, ז׳ 4